בס"ד

# המפתח

## לפתוח מעמקי הלב

### - לימי תשרי -

**זה חלק קטן מהקנטרוס שיש להשיג בחניות הספרים**

**-ראש השנה-**

נלקט מגליוני

## אין אידיש גערעדט

**י"ל ע"י**

**לוי יצחק שנעק**

**יכולן להשיג הגליון בדאו"ל** 1818yiddish@gmail.com

# פרק א׳

## וויפיל ??? איז די שיעור צו זינגען!!!!!!

### ענף א׳

## די עצה פון פסוקי דזמרה!!!

חיים וואס איז די בארג ספרים פארנט פון דיר, ס׳גייט זיין אזא לאנגע........ הפסקה? ניין משה, איך מיין אז עס וועט זיין נישט מער ווי א האלבע שעה, נו, אויב עס גייט נישט זיין קיין הפסקה מער ווי א האלבע שעה אויב אזוי......

**פארוואס? האסטו אזא גרויסע בארג מיט ספרים!!!!!**

איך וועל דיר מסביר זיין משה, ראש השנה איז דאך א יום הדין, ממילא בפשטות וואלט מען געדארפט מתפלל זיין אויף אלעס וואס מען דארף, געזונט/נחת/פרנסה, און וואס נישט, אבער ביזדערווייל, אנשטאט צו דאווענען און בעטן אויף אלעס וואס מ׳דארף, הערט מען נישט אויף מיט יוצרות, פיוטים און זינגען, וויפיל איז די שיעור........

**איך האב נישט קיין נערוועך!!!!!**

**איך ווער צעפלאצט, וויפיל איז די שיעור**, איך זע ווי מ׳רעדט וועגן א יום הדין, אבער ביים דאווענען זעט עס עפעס נישט אזוי אויס, און די אלע זינגערייי גייט מיר שוין אויף די נערוון, ממילא האב איך גענומען אסאך.......... ספרים צו קענען עפעס טון בשעת מען זינגט.

**חיים איך בין געווען פונקט ווי דיר ביז..............**

לאמיר הערן ביז וואס, ענדליך האב איך שוין איינער וואס פארשטייט מיר. ביז איך האב געזען אין א גליון א מעשה, וואס האט געטוישט מיין גאנצע בליק, און נישט נאר די פיוטים האב איך ליב, נאר אפילו די פסוקי דזמרה האט ביי מיר גאר א צווייטן טעם, אז איך קען פשוט נישט אניאגן מיטן בעל תפילה...

**נו לאמיר שוין הערן די סוד...**

בסדר חיים, איך וועל דיר מגלה זיין די סוד, אבער קודם חיים לאמיר דיר פרעגן א קשיא, נו פרעג, דער באשעפער איז דאך דער אבינו אב הרחמן, דער כל יכול, איז פארוואס זאלן מיר בכלל דארפן בעטן און בעטן, ער איז דאך דער כל יכול, און ער האט אונז זייער ליב, אויב אזוי דארף דאך זיין אז מיט איינמאל וואס מיר בעטן אים עפעס זאלן מיר קענען אלעס באקומען. יא משה, ביסט גערעכט, איך טראכט אז די סיבה איז ווייל דער אויבערשטער האט זייער ליב אונזערע תפילות.

ביסט גערעכט, אבער עס איז דא נאך א סיבה, יא משה, די שלעכטע מלאכים די מקטריגים לאזן נישט... ווייל זיי וועלן זאגן אז עס קומט אונז נישט, חיים זייער פיין, אויב אזוי מוזן מיר טרעפן אן עצה...

**וויאזוי? קען מען בייקומען די מקטרגים!**

נו משה, לאמיר הערן וואס איז די עצה. זייער פשוט חיים, שטעל זיך פאר אז ס׳איז דא א איד וואס איז זייער א גרויסער גביר, זיינע פארמעגנס ציילט זיך אין די הויכע ביליאנען, און אויב דו וועסט אים בעטן א שיינע סכום געלט וועט ער דיר עס געבן? זאגט חיים, ס׳קען זיין אז יא, און ס׳קען זיין אז נישט. נו אויב אזוי חיים וועלכע עצה האסטו אז ער זאל יא געבן דאס געלט, איך ווייס נישט, לאמיר טאקע הערן משה האסט אן עצה...

**ס׳איז דא אן עצה אז דער גביר זאל זיכער געבן**

ווען דער גביר מאכט א חתונה, און ער רופט צוזאמען אלא זיינע חברים, ידידים, משפחה און מיטארבייטער וכדומה. ווען עס קומט צו זיין מצוה-טאנץ און דער בדחן הייבט אן אויסצורופן דעם גביר צום מצוה-טענצל, און ער הייבט אן מסביר צו זיין די גרויסע חסדים וואס דער גביר טוט, ווי ער איז עוסק בצדקה, און ער העלפט יעדן איינעם, און ער גייט נישט שלאפן אויב ער ווייסט אז א איד איז בצער וכו׳, און דער בדחן גייט ווייטער און ווייטער...

**פלוצלינג!!!!!!!**

אינמיטן די בדחנות קומט אריין א איד, ער גייט צו צום מחותן, און ער זאגט אים אז אויב האט ער נישט פינף טויזנט דאלער ביז מארגן, ווארפט מען אים ארויס פון זיין דירה. וואס מיינסטו חיים, דער גביר וועט אים עס געבן? אוודאי משה וועט ער אים עס געבן, **אפילו אויב בדרך כלל גיבט דער גביר נישט קיין געלט, אבער דא וועט ער זיכער געבן, דו ווייסט פארוואס? נישט וועגן דעם ארעמאן!!**

**נאר פאר זיין אייגענע כבוד**

ווייל מ׳האט אים דאך יעצט אויסגעגראמט אז ער איז דער גרויסער בעל צדקה, און אויב וועט ער נישט געבן, וועמען וועט ער דא אפטון? נישט דעם ארעמאן [אוודאי דער ארעמאן אויך, ווייל ער וועט נישט האבן זיין געלט, אבער בעיקר] נאר ער טוט זיך אליין אפ, ווייל דא שטייט מען און מען רימט

אים אויס ווי גוט ער איז, ער איז אזא גרויסער בעל צדקה, און דא קומט איינער בעטן פינף טויזנט דאלער, און ער בעט נישט סתם אין די וועלט אריין, נאר ווייל מ'גייט אים ארויסווארפן פון זיין דירה, און פאר דעם גביר איז פינף טויזנט דאלער גארנישט... איז אויב וועט ער עס נישט געבן מאכט ער חוזק פון זיך אליין, און די גאנצע גראמען מיט אלע שבחים אויף אים ווערט אויס...

### די זעלבע טוען מיר ר"ה

יא, ס'איז טאקע א יום הדין, און מיר וואלטן ווען געדארפט שרייען און וויינען אז מיר ווילן א גוט געבענטשטע יאר... און אז די נסיונות זענען אומדערטרעגליך... אבער!!! מיר ווייסן אונזער מצב, און אויב מיר וועלן עס בעטן וועלן די מקטרגים גראד זאגן אז עס קומט אונז נישט... נו, איז דאך צרות, ווייל מיר ווייסן דאך אז אלעס שרייבט מען אפ, און מיר ווילן בעטן אויף א גוט געבענטשטע יאר, אבער די מקטרגים וועלן דאס נישט צולאזן...........

### וויאזוי גיבט מען זיך אן עצה?????????????

די עצה איז אז מ'זאגט שבחים פארן באשעפער, און ממילא אפילו אויב לויט זיינע מעשים קומט זיך ח"ו נישט פאר דעם מענטש קיין גוט יאר, מוז מען מצד כבוד המלכות געבן פאר דעם איד א גוט יאר, וויבאלד מ'האט יעצט משבח געווען דעם באשעפער אז ער איז אן ארך אפים, און ווי גרויס זיין רחמנות איז, וכדומה, איז וואס קען יעצט דער מקטרג זאגן, אז עס קומט זיך נישט פארן מענטש? דאס איז נישט קיין טענה, ווייל מיר זענען אויך מודה אז ס'קומט זיך אונז נישט, אבער מיר בעטן מצד די רחמנות פון דעם באשעפער, און וויבאלד מיר האבן יעצט משבח געווען דעם באשעפער, זאגט דער באשעפער פארן מקטרג:

### דו ביסט א מורד במלכות...

דו פארשעמסט מיר פאר יעדעם... ווייל דא הערט איך ווי מ'איז מיר משבח ווי גרויס מיין רחמנות איז, און דו ווילסט מצמצם זיין מיין רחמנות, דאס איז די גרעסטע מרידה וואס עס איז נאר דא אז דו פארשעמסט דעם מלך מלכי המלכים בשעת מ'איז אים משבח.......

### דאס איז אונזער בעסטע עצה!!!!!!!

קיינער קען נישט זאגן אז פאר זיינע מעשים קומט זיך אים א גוט געבענטשטע יאר, נו וואס טוט מען, די עצה וואס אונז האבן באקומען איז משבח צו זיין דעם באשעפער, ממילא פארמאכן אונז די מויל פון אלע מקטרגים, און דעמאלס קען מען בעטן וואס מ'וויל, ווייל מיר בעטן עס נישט וועגן אונזערע מעשים, נאר וועגן כבוד שמים, די שבח פון דעם באשעפער... פונקט ווי דער עושר וואס וועט נישט אפזאגן דעם ארעמאן בשעת'ן אים אויסגראמען צום מצוה-טאנץ...

### און דאס איז פסוקי דזמרה...

פסוקי דזמרה מיינט פסוקים וואס פארשניידן די מקטרגים, אזוי שטייט אין זוה"ק, נו וויאזוי ארבעט עס, אודאי האבן מיר נישט קיין השגה אין די דברי הזוהר הק', אבער פשוט פשט איז ווי מיר האבן געשריבן, ווייל אז מ'איז משבח דעם באשעפער, קומט אויס אז די בקשה ווערט א חלק פון כבוד ה', אז ער איז ממלא די בקשה פון דעם מענטש, אפילו ער איז בכלל נישט ראוי, ווייל דאס איז כבוד שמים.....

### למענך אלוקים חיים!!!

ווי אלע ספרים זענען מסביר איז אונזער תפילה 'למענך', וועגן דיר באשעפער, ווייל אויב הערט מען ח"ו אויס דעם מקטרג איז דאס א בזיון אין כבוד השכינה, ממילא למענך אלוקים, בעטן מיר וועגן דיין כבוד.

> **בקיצור למעשה**
>
> מיר זענען מאריך אין לויבן דעם באשעפער, ווייל אזוי פארמאכן מיר דאס מויל פון די מקטרגים, און דאס איז די בעסטע וועג וויאזוי דער מקטרג קען גארנישט זאגן אנטקעגן דאס וואס דער באשעפער וויל דיר געבן א גוט געבענטשטע יאר, ווייל ער טוט עס נישט וועגן דיר... און נישט וועגן דיינע מעשים, נאר וועגן זיך אליין, וועגן כבוד מלכות שמים.

## ענף ב'

### ווער וויל זיין דער בריסקער ארעמאן?????!!!

חיים פארוואס ביסטו אזוי אנגעזעצט, אה משה, וואס איז די שאלה, מיר האלטן פאר ר"ה, די טאג וואס דער באשעפער גייט משפט'ן די וועלט, און איך ווייס קלאר אז......

### איך בין דער נידריגסטער מענטש אויף די וועלט!!!!!!

וואס חיים, דו ביסט דער נידריגסטער מענטש אויף די וועלט???? איך קען דיר גאנץ גוט, און דו ביסט אפשר נישט דער גרעסטער צדיק... אבער פארוואס זאגסטו אז דו ביסט דער נידריגסטער מענטש.

איך וועל דיר מסביר זיין משה וואס איך מיין, איך גיי נישט יעצט ארייגגיין אין וואס איך האב געטון בחדרי חדרים, וואס קיינער אין די וועלט ווייסט נישט חוץ מיר, ממילא ווייס איך אז עס איז נישט דא קיין גרעסערע בעל עבירה ווי מיר, אבער אפילו לשיטתך, אודאי זענען אפשר דא מענטשן וואס האבן געטון מער עבירות ווי איך האב געטון, אבער...

**לויט מיינע כשרונות און מעגליכקייטן!!!**

בין איך דער נידריגסטער מענטש, איך זע נישט קיין שום וועג וויאזוי איך וועל קענען עפענען מיין מויל אויף א לימוד זכות, וויאזוי קען איך זיך בכלל שטעלן דאווענען? אה משה, אז דו האלטסט טאקע אז דו ביסט נישט ראוי, און דו ביסט דער נידריגסטער מענטש, דעמאלס האב איך פאר דיר גוטע נייעס, מ'קען דיר נוצן אויף זייער א וויכטיגע זאך, נו לאמיר הערן אויף וואס?

**דו קענסט זיין דער בריסקער ארעמאן!!!**

משה וואס מיינט??? דער בריסקער ארעמאן!!!

איך וועל דיר מסביר זיין. די וועלט דערציילט [מעשה שלא היה] אז אין בריסק פלעגט זיין דער מנהג פורים, ווען עס איז דאך דא א מצוה פון מתנות לאביונים, און בפשטות איז די מצוה פון געבן געלט פאר די סעודות פורים [עיין בספרי יש לחקור על פורים, ואכ"מ]. ממילא כדי צו מהדר זיין **פלעגן זיי נעמען אן ארעמאן, און אוועקנעמען פון אים אלע זיינע געלטער, און אויך גוט אויסהונגערן כדי צו מקיים זיין די מצוה פון מתנות לאביונים בהידור רב.**

**זייער שיין, אבער ווי קומט עס אהער!!**

זייער פשוט, מיר לויבן דעם באשעפער, למשל אז חנון ורחום ה', דאס הייסט אז דער באשעפער איז א בעל הרחמן. וואס מיינט רחמנות, למשל אויב איך וועל בארגן פון דיר פינף טויזנט דאלער, און איך וועל עס באצאלן, וועסטו זאגן אז איך בין א בעל רחמנות, ווייל איך באצאל וואס איך האב געבארגט, אודאי נישט, פארוואס? זייער פשוט ווייל ס'קומט זיך דיר. די זעלבע זאך איז, א איד א צדיק קומט זיך אים אלעס גוטס, אבער איינער וואס איז נישט אזא צדיק קומט זיך אים וויניגער, און כדי צו באקומען א גוט יאר, מוז ער צוקומען צום מידת הרחמנות פון דעם באשעפער. וואס טוט זיך מיט איינער וואס איז ממש נישט ראוי, ער איז דער נידריגסטער איד, ער האט נאר איין וועג וויאזוי צו זוכה זיין צו א גוט יאר, דאס איז די רחמנות פון דעם באשעפער, דאס הייסט אז אויב דו פילסט אז דאס יאר איז אדורך, און דו האסט גארנישט געטון, און דו זעסט נישט קיין שום זאך פארוואס דער באשעפער זאל דיר געבן א גוט יאר, דעמאלס קומט אויס אז.....

**דו ביסט דער פרי עץ הדר...**

ווייל דו לעבסט נאר אין די זכות פון די רחמנות פון דעם באשעפער, ביסטו דאך דער מענטש אויף וועמען דער באשעפער איז מגלה זיין רחמנות, ביסטו דאך **הרב פרי עץ הדר שליט"א**, ממילא אז די דאווענסט, זיי מתפלל 'למענך אלוקים חיים', אז דו בעטסט מצד דאס רחמנות פון דעם באשעפער, וועסטו זיין דער כלי אויף וואס דער באשעפער וועט מגלה זיין זיין רחמנות. ממילא האט קיין שום מקטרג נישט אריינצורעדן, ווייל וואס ער זאגט נאר איז ער מקטרג קעגן דער ממ"ה און נישט קעגן דיר...

**און יעצט וועסטו האבן נערוועז...**

און אז דו וועסט זיך מתבונן זיין וועסטו זען דעם פשט אין זייער אסאך פסוקים, איך קען נישט אלעס אויסרעכענען, אבער האב דאס אינזינען וועסטו דאס זען אויף יעדע טריט און שריט... און דו וועסט פארשטיין די אלע פסוקים, דו וועסט פארשטיין אז די אלע זינגען און אריכות מיטן שבח פארן באשעפער, איז טאקע נאר ווייל דו ווילסט זוכה זיין צו א גוט געבענטשע יאר.

### בקיצור למעשה

איך פלעג צעפלאצט ווערן ר"ה און יו"כ, ווייל וויפיל איז דער שיעור פון זינגען, ס'איז דאך א יום הדין, איך וויל קענען מתפלל זיין אויף א גוט געבענטשטע יאר, און אין אונזער מחזור דערמאנט מען כמעט גארנישט אויף א גוט יאר, חוץ ביי 'זכרנו', 'בספר חיים' און ביי 'אבינו מלכנו' [אויב עס געפאלט נישט אין שבת]. אבער די סיבה איז פונקט פארקערט, ווייל ס'איז ר"ה, און מיר ווילן זוכה זיין צו א גוט געבענטשטע יאר, און מיר ווייסן אז מיר זענען נישט ראוי, ממילא נוצן אונז די עצה פון פסוקי דזמרה, וואס דאס מיינט אז מיר זענען משבח דעם באשעפער, און ממילא קען דער באשעפער ממלא זיין אונזערע בקשות, ווייל יעצט איז עס שוין כבוד השכינה.

בפרט אויב א מענטש פילט אז ער האט ממש נישט קיין וועג צו מתפלל זיין צום באשעפער, ער איז ממש זייער נידריג, דעמאלס ווערט ער דער הרב ר' פרי עץ הדר שליט"א, וואס פארדעם אליין דארף ער באקומען בס"ד א גוט געבענטשטע יאר.

# פרק ב'

# פארוואס??? איז ר"ה פאר יו"כ!!!

## ענף א'

## די פראבלעם!!

חיים, א גוט געבענטשטע יאר, לשנה טובה תכתב ותחתם וכו', אמן, זאגט חיים. משה, פרעגט אים חיים, ר"ה איז דאך א יום הדין, נו, אויב אזוי וואלט מען קודם געדארפט מאכן יו"כ, אז מ'זאל ווערן אינגאנצן ריין, און ערשט נאכדעם ר"ה, אז בשעת ווען מ'בעט פאר די גוטע יאר זאל מען שוין זיין ריין, און ממילא וועט מען באקומען א גוט געבענטשטע יאר...... זייער א שטארקע קשיא, זאגט אים משה: פאר איך וועל דיר זאגן די תירוץ וויל איך דיר פרעגן אן אנדערע קשיא, נו לאמיר הערן...

### איז ר"ה א חלק פון די עשרת ימי תשובה??

יא אוודאי משה, וואס איז בכלל די קושיא, איך ווייס חיים אז דאס איז א חלק פון די עשרת ימי תשובה, אבער איך האב געמיינט צו פרעגן אז אויב איז אמת אז דאס איז א חלק פון די עשרת ימי תשובה, אויב אזוי...

### פארוואס??? טאר מען נישט דערמאנען קיין עבירות!!!

א חלק פון תשובה איז אז מ'האט חרטה אויף די עבירות, און מ'איז זיך מתוודה אויף די עבירות, איז אויב מ'דארף תשובה טון, ווי קען מען זאגן אז מ'טאר נישט דערמאנען קיין עבירות. משה דאס איז באמת א שטארקע קשיא, חיים ס'איז נאכמער ווי דעם, מ'טאר אפילו נישט עסן קיין ניס, וואס איז בגימטריא חטא, איז וויאזוי קען מען תשובה טון אז מ'טאר אפילו נישט דערמאנען דאסווארט חטא.

### די תירוץ איז אז...

<u>טאקע ווייל ר"ה איז א חלק פון די עשרת ימי תשובה וועגן דעם טאר מען נישט דערמאנען קיין חטא.</u>

משה האסט געהערט וואס דו זאגסט? אז ווייל ס'איז עשרת ימי תשובה וועגן דעם טאר מען נישט דערמאנען קיין חטא, האט עס דען עפעס א פשט, יא, און איך וועל דיר עס מסביר זיין... ס'איז בעצם צוויי נקודות.

#### נקודה א'

ס'איז געווען א טאטע וואס האט אנגעזאגט זיין זון אז ער זאל נישט גיין אליין אויף די גאס ווייל ס'איז א סכנה. א קינד איז דאך א קינד, און ער איז יא געגאנגען אויף די גאס... און רח"ל א קאר האט אים אראפגעקלאפט!! און ער איז ערנסט געשעדיגט געווארן, ס'קומט צו פליען הצלה, מ'רופט דעם טאטן און מ'זאגט אים וואס ס'איז געשען מיט זיין קינד און וואס איז די מצב...

### וואס?? וועט דער טאטע טון די ערשטע זאך!!!!

וועט ער אנשרייען זיין קינד פארוואס ער איז געגאנגען אויף די גאס? אוודאי נישט, קודם וועט ער טון אלעס אין די וועלט צו ראטעווען זיין זון, מאכן זיכער אז ער באקומט די בעסטע דאקטוירים, טון אלעס אין די וועלט אז זיין קינד זאל ווערן אויסגעהיילט. ער וועט אפילו מחזק זיין זיין קינד די גאנצע צייט אז ער זאל האבן כח צו ווערן בעסער. נאר נאך וואס זיין קינד וועט שוין זיין געזונט, און ער וועט שוין אהיימקומען וועט ער דורכגיין מיטן קינד וויאזוי עס איז געשען, און הייסן דעם קינד זיך מקבל זיין אז ער וועט עס נישט טון, און אים געבן עצות וויאזוי עס זאל טאקע מער נישט פאסירן.

### אבער קודם טוט מען דער עיקר!!!

וואס דאס איז, מ'היילט אויס דעם קינד, ווייל דאס איז בעצם די פראבלעם, דאס וואס ער האט נישט געפאלגט זיין טאטע, דאס האט נאר צוגעברענגט אז ס'זאל געשען, אבער דער עיקר פראבלעם יעצט איז אז ער איז נישט געזונט.

### די זעלבע זאך איז ווען מ'רעדט פון תשובה!!!

חיים וואס איז דער עיקר פראבלעם ווען איינער טוט אן עבירה, ער איז געווארן ווייט פון דעם באשעפער, די עבירה איז נאר די היכי תמצא וויאזוי ס'איז געשען, **אבער דער עיקר פראבלעם איז אז דו האסט פארלוירן דיין קשר מיטן באשעפער**, אוודאי איז דא א מצוה פון ווידוי, וואס דאס מיינט אויסרעכענען וואס מ'האט געטון, כדי מ'זאל וויסן וואס מ'זאל מער נישט טון, אבער דאס איז נאר די וועג וויאזוי עס איז געשען, דער עיקר דארף מען פאררעכטן די קשר מיטן באשעפער.

זייער שיין משה, דער עיקר פון אן עבירה איז אז מ'האט פארלוירן די קשר מיטן באשעפער...

### אבער וואס האט דאס מיט מיין קשיא אז ר"ה איז פאר יו"כ...

זייער פשוט חיים, ווייל וואס איז ר"ה... ר"ה איז מען ממליך דעם באשעפער, מ'בויט אויף אונזער קשר מיטן באשעפער, וואס דאס איז דער עיקר פראבלעם... ממילא קען מען נישט אנהייבן מיט יו"כ, מ'מוז דאך אנהייבן קודם צו פאררעכטן דער עיקר, וואס דאס איז די קשר מיטן באשעפער, און

נאר אויב דער עיקר פון די עבירה ווערט פארראכטן, דעמאלס קען מען גיין ווייטער און איבערגיין וואס פונקטליך מען האט געטון, און וואס האט גורם געווען דער מצב אז ער זאל פארלירן זיין קשר מיטן באשעפער.

**און כדי א מענטש זאל דאס נישט פארגעסן, זאגט מען פאר דעם מענטש: "איך לאז דיר נישט רעדן קיין אייןווארט וועגן די עבירה אליין".**

**בלייב אנגעווייטאגט!!!!!!**

רעד נישט קיין איין ווארט וועגן די עבירה... ס'באדערט דיר טאקע, אבער איך וויל אז די ווייטאג זאל בלייבן, ווייל דער עיקר וויל איך אז ווילאנג דו האסט נאך די ווייטאג פון די עבירה בוי צוריק אויף די קשר מיטן באשעפער, וואס דאס איז דער עיקר, און נאכדעם וואס דו האסט שוין דער עיקר - די קשר, דעמאלס קענסטו אנהויבן דורכצוגיין וויאזוי ס'איז געשען, און צו ס'האט זיך געלוינט, אבער, אלעס איז נאר גוט נאך וואס מ'האט געטון דער עיקר, וואס דאס איז מ'האט אנגעהויבן צו פאררעכטן דער קשר מיטן באשעפער...

**און פארדעם מעגסטו אפילו נישט דערמאנען דאס ווארט חטא**

אלעס כדי אז דו זאלסט נישט פארגעסן וועגן דער עיקר.

**נקודה ב'**

**ענף א'**

**די תאוה פון וויינען**

ס'איז דא נאך א סיבה וואס בעצם האט דאס א שייכות מיט די פריערדיגע סיבה... אבער קודם וויל איך דיר מגלה זיין א נייע תאוה, וואס איך מיין אז דו האסט נאך קיינמאל נישט געהערט דערפון, נו לאמיר הערן וואס איז די נייע תאוה??????

**די נייע תאוה הייסט: וויינען!!!!!!!!**

ווווווווווואס????? וויינען איז שוין אויך א תאוה, און מ'טאר עס נישט טון. ניין, איך וועל דיר מסביר זיין, אבער קודם וועל איך דיר עפעס דערציילן, נו משה, איך בין גרייט צו הערן.

ס'איז געווען א איד וואס האט געהאט גרויסע ניסים מיט איינער פון זיינע קינדער, און לכבוד דעם וואס ער האט געהאט א נס האט ער געוואלט זייער שטארק עפעס טון פארן באשעפער אלץ הכרת הטוב, האט ער געטראכט אז אפשר זאל ער עפענען א גמ"ח אדער אן ארגאניזאציע וכדומה, ער האט נישט געקענט באשליסן וואס צו טון, האט ער אפגעמאכט אז ער וועט גיין פרעגן זיין רבי'ן, און וואס דער רבי וועט זאגן דאס וועט ער טון...

**אומר ועושה**

ער גייט צו זיין רבי, און ער דערציילט דעם רבי'ן פונקטליך די מעשה און די גרויסע ניסים וואס דער באשעפער האט געמאכט מיט אים... און ווי שטארק ער פילט הכרת הטוב פארן באשעפער... און ער דערציילט פארן רבי'ן אלע סארטן געדאנקען וואס ער טראכט צו טון וועגן די נס וואס עס האט פאסירט צו זיין קינד... נאכן אראפלייגן אלע פרטים האט ער געווארט אויפן רבי'ן צו הערן וואס ער זאל טון, רופט זיך דער רבי אן: "מיין עצה צו דיר איז אז..............

**צו ווייזן הכרת הטוב עפן גארנישט אויף!!!**

וווווואס????? האב איך גוט געהערט? אויף צו ווייזן הכרת הטוב זאל איך גארנישט טון... פונקט פארקערט, אויף צו ווייזן הכרת הטוב דארף מען יא טון עפעס... דער חסיד איז געשטאנען אזוי צעטומלט, און פראבירט צו פארשטיין וואס דער רבי האט דא געזאגט, רופט זיך דער רבי אן: "טייערער חסיד.....

**איך וועל דיר מסביר זיין פשט!!!**

דו פילסט טאקע זייער א גרויסע געפיל פון הכרת הטוב, און טאקע וועגן דעם ווילסטו עפעס טון פארן באשעפער, אבער נאך דו וועסט עפענען די גמ"ח אדער די ארגאניזאציע וועסטו פילן אז דו האסט שוין יוצא געווען די חיוב, און דו וועסט שוין נישט פילן מער ווי די הרגשה פון הכרת הטוב, אבער איך וויל אז דו זאלסט נישט פארלירן דיין הרגשה פון הכרת הטוב, איך וויל אז דו זאלסט אייביג פילן אז דו ביסט געבליבן שולדיג.....

**און מיט דער געפיל זאלסטו בלייבן דיין גאנצע לעבן!!!!**

די זעלבע געדאנק חיים איז שייך ווען א מענטש טוט תשובה, אויב א מענטש טראכט באמת אריין קען מען אראפגיין פון זינען, יעדער ווייסט אז מ'בלייבט נישט דא אויף אייביג, און ס'שטייט אין די משנה אין מסכת אבות: "יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא", און ווי די ספרים זענען מסביר מיינט עס אז פאר איין מצוה, איין ווארט תורה, איז נישט דא גענוג געלט אין די וועלט מיט וואס מ'זאל עס קענען באצאלן, און 'מכל חיי העולם הבא' מיינט <u>אז אפילו מ'וועט נעמען אלע הנאות פון אלע מענטשן צוזאמען, זייט בריאת העולם ביז משיח וועט קומען, און מ'וועט עס געבן פאר איין מענטש, אין איין מינוט, וועט עס נישט זיין גענוג צו באצאלן אפילו נאר פאר איין מצוה...</u>

**אז מ'איז זיך באמת מתבונן אין דעם קען מען ח"ו אראפגיין פון זינען**

פון צער און עגמת נפש אויף וואס מ'האט פארפאסט, נו וואס געשעט ווען א מענטש איז זיך מתבונן באמת, ער ווערט פיל מיט חרטה, און ער הייבט אן צו טראכטן וואו איז געווען מיין שכל, און ער הייבט אן צו וויינען ביטערליך, אבער וואס געשעט מיט די וויינען, עס באדרויגט דעם מענטש, פונקט

ווי דער וואס פילט הכרת הטוב פארן באשעפער, איז דורכן עפענען א גמ"ח וועט ער פארלירן זיין הרגש פון הכרת הטוב... די זעלבע זאך געשעט ווען מ'הייבט אן צו רעדן וועגן די עבירות, מ'הייבט אן צו וויינען, מ'וויינט זיך אויס, און מ'פארגעסט פון דער עיקר פון תשובה. ווי האבן צדיקים געזאגט...

### מ'וויינט ווי א ביבער, און מ'גייט אין פאסטקע אריין

דאס זענען די ווערטער מיט וואס צדיקים לבית סלאנים פלעגן קאכן................ משה וואס מיינט די ווערטער ? איך וועל דיר מסביר זיין: עס איז דא א חיה וואס הייסט 'ביבער', וואס ווען ער גייט ערגעץ האט ער אזא אינסטינקט אז ער קען נאר צוריקגיין די זעלבע וועג וואס ער איז געגאנגען, און אויב מען וויל אים כאפן איז דא א פשוט'ע עצה, מ'שטעלט אויף א פאסטקע, וואס דאס מיינט א 'טרעפ', אויפן וועג וואס מען האט אים געזען גיין, און ממילא ווען ער וועט צוריקגיין וועט ער נאר גיין די זעלבע וועג, גראד אריין אין פאסטקע. און אזוי געשעט טאקע, ווען דער ביבער דרייט זיך צוריק, און ער זעט די פאסטקע, **מאכט ער אזעלכע קולות, און ער וויינט אזוי שטארק, אז אויב דער פאנגער שטייט דארט, און ער הערט אים וויינען, וועט ער גלייך אוועקנעמען די פאסטקע, אלץ רחמנות**, וועגן דעם מוז ער שטיין זייייייייייער ווייט, כדי ער זאל נישט הערן זיין געוויין. **דער ביבער מאכט זיינע קולות, און וויינט מיט א ייייייייייאמערליכע געוויין, אבער ער גייט גראד אין פאסטקע אריין, <u>ווייל ער מוז גיין די זעלבע וועג וואס ער איז געקומען.</u>**

**<u>איז אנשטאט וויינען, וואלט ער געדארפט גיין א צווייטע וועג, און פטור ווערן פון אלע צרות, אבער דאס טוט ער נישט! נאר ער ווייינט... שרייט... פארפירט... אבער גייט גראד אריין אין פאסטקע</u>**

### זענען מיר נישט די זעלבע????

מ'קען וויינען... און שרייען... אויף די מצב וואס מ'געפינט זיך, און אנשטאט זיך צו געבן א דריי ארום און זיך טוישן, גייט מען אריין אין פאסטקע, מ'וויינט און מ'גייט ווייטער, און פארוואס איז דאס, ווייל דאס וויינען בארואיגט די געפילן, און דאס הייסט די תאוה פון וויינען, מ'וויינט זיך אויס און מ'גייט ווייטער אין פאסטקע אריין, און דאס לעבן גייט אן פונקט ווי ביז יעצט.

## ענף ב'

### וואס איז די עצה??

משה, די פראבלעם איז זייער שטארק, אבער וואס איז די עצה, און וויאזוי פארענטפערט עס די קשיא פארוואס ר"ה איז פאר יו"כ.

זייער פשוט, טאקע וועגן די פראבלעם אז מ'האט נישט געוואלט אז מ'זאל זיך אויסוויינען און גיין ווייטער, האט מען געזאגט פארן מענטש די ערשטע זאך 'רעד נישט פון קיין עבירות', און נישט נאר נישט רעדן, נאר זאלסט אפילו נישט דערמאנענען דאסווארט 'חטא', ווייל דעמאלס וועסטו זיך אויסוויינען און גיין ווייטער... נאר נעם דיין גאנצע אנגעווייטאגטקייט און הייב זיך אן מקרב צו זיין צום באשעפער, זיי ממליך דעם באשעפער בחדרי חדרים, זאג נאכאמאל און נאכאמאל אז דו ביסט זיך מקשר מיטן באשעפער, וואס דאס איז ר"ה, און איינמאל דו האסט שוין דיין קשר, דעמאלס קענסטו אנהייבן צו וויינען און דורכגיין די גאנצע מהלך וואס און וויאזוי, אבער קודם ווען דו ביסט נאך אנגעווייטאגט, ארבעט אויף דער עיקר, וואס דאס איז דער קשר מיטן ממ"ה.

| בקיצור למעשה |
| --- |
| ר"ה איז א חלק פון די עשרת ימי תשובה, און דער עיקר פון תשובה איז צוריקצובאקומען קשר מיטן באשעפער, און דאס איז ר"ה, ר"ה איז די זמן וואס מיר זענען ממליך דעם באשעפער, און כדי דער מענטש זאל נישט אנהייבן מיטן טפל, וויאזוי ער האט פארלוירן דער קשר מיטן באשעפער, און זיך אויסוויינען און בארואיגן, האט מען געזאגט אז ר"ה דערמאן נישט קיין שום עבירה, פיל זיך אנגעווייטאגט, און נעם די ווייטאג און זיי זיך מקשר מיטן ממ"ה |

## פרק ג'

# דאס יאר איז דא א 100% גאראנטי אז אונזערע תפילות גייען נתקבל ווערן

משה, איך האב גוט געזען? א וועג פון תפילה וואס ווערט זיכער אנגענומען, אין די הייליגע טעג זענען מיר מתפלל, און מתפלל, און מתפלל...... אויף אזוי ווייט אז חודש חשון הייסט מר-חשון, וויל ס'איז פון די לשון 'מרחשין שפתיה', פון אזויפיל תפילות, און מענטשן טוען אלע מיני סגולות אז זייערע תפילות זאלן נתקבל ווערן, און דא זאגסטו אז ס'איז דא א וועג פון תפילה וואס ווערט זיכער אנגענומען?

יא חיים, אזוויי דו הערסט, ס'איז דא איין וועג פון תפילה וואס ווערט זיכער אנגענומען.

**משה, איז דען דא איין תפילה וואס ווערט נישט אנגענומען???**

חיים, ניין, ס'איז נישט דא אזא זאך אז א תפילה גייט פארפאלן, אבער ס'איז דא אזא זאך ווי א תפילה ווערט נתקבל, מ'פועל'ט א ישועה, און ס'איז דא א וועג אז דו זאלסט דאס קענען טון בלי שום ספק!!!!!!!

**נו משה, אפשר ביסטו מיר שוין מגלה דער סוד???**

בסדר, אבער קודם וויל איך דיר פרעגן אפאר שאלות, ביסט גרייט חיים? משה, פאר א סוד וועגן קבלת התפילות בין איך גרייט אויף אלעס, אקעי חיים הייבן מיר אן........

**וועלכע טאג? האט משה רבינו אנגעהויבן מתפלל צו זיין צו קענען אריינגיין אין ארץ ישראל !!!**

איך ווייס נישט משה, ס'שטייט ערגעץ? יא חיים, אין 'פני יהושע' שטייט אז עס איז געווען ט"ו באב [קוק אריין אין פ"י, ווי ער מאכט די חשבון, אז פון ט"ו אב, ביז משה רבינו'ס פטירה, אויב מ'רעכנט דריי תפילות א טאג, און די ערשטע תפילה הייבט מען אן פון צופרי, קומט עס אויס צו א ס"ה פון 515 תפילות. ער מאכט די חשבון, און ער רעכנט אראפ שבתים. ר' יונתן אייבשיץ שרייט אז ס'שטימט נישט, וויל עס זענען דא ימים טובים וואס מ'רעכנט אויך נישט, פונקט ווי שבת. אבער עכ"פ דער פ"י שרייבט אז עס איז געווען ט"ו אב].

**חיים וואס איז די שייכות צווישן ט"ו אב צו משה רבינו'ס תפילות?**

איך ווייס נישט, חיים טראכט אריין, וואס איז די שמחה פון ט"ו אב, אפשר וועט מען פארשטיין פארוואס פונקט דעמאלס האט ער אנגעהויבן צו מתפלל זיין. משה, די גמרא אין מסכת תענית [ל:] ברענגט אפאר סיבות. יא חיים, ביסט גערעכט, אבער איך מיין אז די סיבה איז וויל דער דור המדבר האט אויפגעהערט צו שטארבן. קוק אריין אין רש"י דארט, ווי רש"י ברענגט די מדרש, אז יעדעס יאר פלעגן די אידן אין מדבר גראבן קברים, און תשעה באב ביינאכט פלעגן זיי אריינגיין אין די קברים, און פופצן טויזנט מענטשן זענען געשטארבן, און די איבעריגע זענען ארויס. אזוי איז עס געגאנגען יאר נאך יאר. די לעצטע יאר אין מדבר, זענען געבליבן די לעצטע פופצן טויזנט אידן, און זיי זענען אריין תשעה באב ביינאכט, און זיי זענען נישט געשטארבן, האבן זיי געמיינט אז זיי האבן געמאכט א טעות מיט די חשבון פון די טעג פון די חודש, זענען זיי די קומענדיגע נאכט צוריק אריין אין די קברים. אזוי איז עס געגאנגען ביז ט"ו אב... דעמאלס איז שוין די לבנה פול, האבן זיי געוויסט אז זיי האבן זיך נישט טועה געווען מיט די חשבון, און זיי האבן געמאכט א יו"ט אז דער אויבערשטער האט זיי מוחל געווען......

**פארוואס זענען נישט די לעצטע 15 טויזנט געשטארבן????????**

שטייט פון הגאון ר' יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל א מורא'דיגע ווארט, אז אנפאנג זענען געווען זעקס הונדערט טויזנט אידן, און מ'האט געוויסט אז נישט אלע וועלן שטארבן, ממילא ווען מ'האט מתפלל געווען אז מ'זאל בלייבן לעבן, איז עס נישט געווען קיין אמת'ע תפילה פון טיפן הארצן, וויל מ'האט געטראכט: איך האב דאך א טשאנס צו בלייבן לעבן, וויל פארוואס פונקט איך זאל שטארבן די ערשטע יאר, ס'איז דאך נאך דא פערציג יאר... אזוי איז עס געגאנגען יאר נאך יאר, אבער........ ווען עס איז געקומען די לעצטע יאר האבן זיי געוויסט אז.......

**ס'איז נישט דא קיין וועג ארויס!!!!!!!**

אלע זענען שוין געשטארבן, זיי זענען די לעצטע פופצן טויזנט, און זיי גייען זיכער שטארבן, ס'איז נישט דא קיין שום וועג - בדרך הטבע - אז זיי זאלן נישט שטארבן, ממילא דעמאלס איז די תפילה געווען מיט די גאנצע הארץ, אן אפילו טראכטן אז ס'איז נאך דא א מהלך, ממילא........

**אזא תפילה העלפט בלי שום ספק!!!!!!!!!**

אפילו נאך א גזר דין, וויל דאס איז באמת א תפילה פון טיפן הארץ. די גאנצע סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט געמאכט אז מ'אל דאווענען איז, וויל ער וויל אז מ'זאל מכיר זיין אז אלעס איז פון דער באשעפער, און דאס מיינט תפילה 'איך בין באהאפטן צו אים'. איז אויב מ'האט נאך חשבונות וויאזוי מ'גייט מסדר זיין וואס מ'וויל מסדר זיין, און די תפילה איז נאר נאך א חלק פון די מהלך, דעמאלס קומט אויס אז ס'איז נישט באמת א קשר מיטן באשעפער, <u>ס'איז 'אויך' דער באשעפער.</u>

אבער ווען מ'ווייסט אז ס'איז נישט דא קיין וועג ארויס, דעמאלס איז עס באמת א קשר, מ'איז באמת מתפלל, און אזא תפילה העלפט בלי שום ספק.......

**זייער שיין, אבער וואס איז די שייכות צו משה רבינו???**

זייער פשוט חיים, משה רבינו האט 'געוויסט' אז ס'איז דא א גזירה אז ער גייט נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל, און ממילא איז נישט דא קיין סיבה צו דאווענען, אבער ווען ער האט געזען <u>**אז א תפילה וואס מ'זעט נישט קיין וועג ארויס ערשט אזא תפילה העלפט**</u>, האט ער מחליט געווען אז ער גייט

אויך דאווענען, ער גייט מתפלל זיין, און אזוי האט ער געטון, ביז דער אויבערשטער האט אים געדארפט זאגן 'אל תוסף', ווייל נאך איין תפילה און ער גייט אריין........

**און דאס איז היי-יאר זייער גרינג!!!!!!**

פארוואס פונקט דאס יאר??? ווייל ביז פאר די מחלה פון קאראנע, האבן מיר נאך קיינמאל נישט געשפירט ווי ווייט מיר מוזן צוקומען צום באשעפער אין יעדע חלק פון אונזער לעבן, סיי מיט געזונט... סיי מיט פרנסה... מ'איז צוגעוואוינט אז מיר געבן זיך אן עצה מיט יעדע פראבלעם... ממילא האט מען נישט געשפירט ווי ווייט אלעס איז פונעם באשעפער. אבער

**אינו דומה שמיעה לראיה!!!**

ביז היינט איז עס געווען אן עבודה פון אמונה, וואס ס'איז זייער א גרויסע עבודה, אבער עס ווענדט זיך אין די מדריגה פון דער מענטש. אבער דאס יאר זעט מען עס קלאר. ווער האט זיך דען אמאל גע'חלומ'ט אז ריזיגע געשעפטן וועלן זיך שליסן פון איין מינוט אויפן צווייטן, מ'וועט פארשפארן לענדער, מענטשן וועלן האבן מאסקעס אויפן פנים וכו', יעדער האט געזען אז אין עוד מלבדו, דער באשעפער האט געברענגט א קליינע ווירוס, און ס'האט איבערגעדרייט א וועלט, ממילא צו מיינען אז מ'קען עפעס טון אליין........

**מוז מען זיין א שוטה!!!!!!**

און אויף אזא איינעם האבן שוין חז"ל געזאגט אז 'אין אדם חוטא אלא א"כ נכנס בו רוח שטות', ווייל מ'זעט דאך קלאר, ברור כשמש, אז דער באשעפער פירט די וועלט...... ממילא ווען מיר גייען דאווענען וועט די תפילה זיין פונקט ווי דאס לעצטע יאר פון די דור המדבר, וואס זיי האבן געוויסט אז נאר ער קען העלפן.......

**מיר, דאס יאר, ווייסן אויך קלארער ווי ביז היינט, אז ס'ווענדט זיך נאר אין אים!!!!!!**

ממילא וועט אונזער תפילה זיין אזא סארט תפילה, אז איך האב נישט קיין שום מהלך, נאר דו באשעפער קענסט מיר העלפן, און אזא תפילה העלפט 100% אן קיין שום ספק......

**משה דו האסט אזעלכע גרויסע פלייצעס!!!!!!**

פרעגט אים חיים!!! דו קענסט צוזאגן אז די תפילות וועלן העלפן? וואס וועסטו טון אויב איינער וועט דיר רופן מיט טענות אז ער האט מתפלל געווען אויף עפעס, און ער האט עס ח"ו נישט באקומען, וואס איז מיט די 100% אז די תפילות גייען נתקבל ווערן........

**חיים זענען מיר אויף די וועלט? אדער זענען מיר שוין אויף יענע וועלט?**

וווווווווווואס משה? האט דיר קאראנע בארירט ח"ו? דו מיינסט אז מיר זענען שוין ח"ו געשטארבן!!! איך מיין אז דו דארפסט וויכטיג זען א פסיכאלאג!!! חיים, ווער נישט אזוי דערשראקן, איך מיין נאר ארויסצוברענגען א נקודה, אז אויב וואלט נישט געווען מער קיין יצר הרע וואלטן מיר שוין נישט געלעבט, ממילא אז מיר לעבן נאך יא מוז זיין אז מיר האבן נאכאלץ א יצר הרע, נו וויאזוי קען עס זיין, איז דען דא איינער וואס ווייסט נאכנישט אז אין עוד מלבדו, און אז מ'בלייבט נישט אייביג דא? נאר וואס דען...

**ס'איז זייער גרינג!!!!!!**

ווייל אויב מ'טראכט אביסל, און מ'נוצט די שכל, פארשטייט מען גראד אז אלעס ווענדט זיך אינעם באשעפער, און אלעס קען זיך געבן א דריי אין איין מינוט. ממילא ווען מ'דאווענט ווייסט מען אז נאר ער קען העלפן, און אזא תפילה ווערט נתקבל, אבער אז איינער וויל נישט מוז ער נישט.

**בקיצור למעשה**

א תפילה וואס איינער דאווענט, און ער ווייסט אז ס'איז נישט דא קיין אנדערע וועג, נאר דרון תפילה, נאר די באשעפער קען אים נעלפן, אזא תפילה העלפט 100%, ממילא יעצט, נאך וואס דער באשעפער האט געוויזן אז אין עוד מלבדו, איז זייער גרינג צו דאווענען אויף אזא וועג, ווייל ער האט געוויזן ווי אין איין מינוט איז די גאנצע וועלט געבליבן מאכטלאז.

## פרק ד'

## איך וויל פילן א געשמאק אין תפילה, אבער וויאזוי?

### ענף א'

### פארוואס? זאגט מען ידיד נפש פארן דאווענען!!!

חיים, דו ווילסט פילן א געשמאק? אוודאי משה, ווער וויל דען נישט. עס איז זייער פשוט, אבער כדי דו זאלסט פארשטיין די נקודה קלאר, לאמיר נעמען די תפילה פון 'ידיד נפש', מיר רופן דעם באשעפער ידיד... חיים, דו פארשטייסט וואס דאס מיינט... האט עס א פשט?

**דער ממ"ה איז דיין ידיד???!!! און מיט וואס איז דאס אן הקדמה צום דאווענען!!!**

משה זייער א גוטע קשיא, וואס איז טאקע פשט. איך וועל דיר מסביר זיין חיים. עס מאכט זיך אין יעדע שטוב, אז אסאך מאל איז דא זייער א גרויסער באלאגאן, די גאנצע שטוב איז איבערגעדרייט, עס איז גארנישט מסודר, מען קען קוים גיין אויף די פלאהר, מ'הערט קולות פון אלע זייטן

**פלוצלינג!!!**

ווערט ש_א שטיל, איינער קלאפט אויפן טיר, מ'איז שנעל מסדר די הויז, און מ'שטופט אריין די גאנצע איבערדרייעניש אונטער די פורהאנג און אין די קלאזעטס, מ'מאכט צו אלע צימערן, און מ'גייט צו צום טיר, און מ'זאגט מיט די גאנצע גרויסע שמייכל: "ווער איז דארט"? און מ'עפנט אויף די טיר. חיים איך וויל דיר פרעגן

**פארוואס??? פאר איינער קלאפט אויפן טיר באדערט דיר נישט אז די הויז איז איבערגעדרייט!!!**

נו זאג משה, די תירוץ איז, ווייל ווען עס קומט א פרעמדער, ווייסט יענער נישט די סיבה פארוואס די הויז איז איבערגעדרייט, אז מיר זענען נעכטן אהיימגעקומען פון א חתונה כמעט אינדערפרי... אז די מאמע האט זייער נישט גוט געפילט... אז מיר האבן אריינגענומען א גאנצע משפחה פאר צוויי טעג... ווייל ער איז א פרעמדער, און ער האלט נישט מיט וואס עס איז פארגעגאנגען די גאנצע צייט ביז יעצט, ממילא אז ער וועט זען אז די הויז איז איבערגעדרייט שעמט מען זיך, ווייל ער ווייסט נישט די סיבה פארוואס עס איז איבערגעדרייט.

**אבער פארוואס שעמסטו זיך נישט פון דיינע אייגענע קינדער???**

וואס זעען אז דיין הויז איז איבערגעדרייט? ווייל זיי האבן מיטגעהאלטן די גאנצע צייט, ממילא ווייסן זיי פונקט וואס עס איז פארגעגאנגען, ממילא שעמט מען זיך נישט.

**די זעלבע איז ביים דאווענען**

א מענטש גייט צו א רבי ווייל ער האט א פראבלעם אין רוחניות, וועט אים זיין זייער שווער ארויסצוברענגען די פראבלעם, ווייל מ'שעמט זיך, פארוואס שעמסטו זיך, ווייל עס קען זיין אז דו וואלסט זיך געקענט מתגבר זיין, און דו האסט זיך נישט מתגבר געווען. צווייטנס, ווייל מ'פילט אז ווען דער רבי וואלט פארשטאנען מיין מצב וואלט ער אינגאנצן אנדערש געקוקט אויף מיר, און עס איז זייער שווער מסביר צו זיין פאר א מענטש וואס איז אינדרויסן, דיין מצב, אבער דער באשעפער ווייסט דאך אלעס ממילא, און ער האלט מיט פונקטליך וואס עס טוט זיך, ער איז דיין 'ידיד', ער געפינט זיך מיט דיר 24/7, ממילא ווייסט ער אלעס און ער פארשטייט אלעס.

**זאג אים אלעס פונקטליך, אפן און קלאר**

למשל דו האסט נישט קיין חשק צום דאווענען, וואס טוט מען געווענליך, מ'שטופט דורך דאס דאווענען. אבער אויב מ'איז אפן מיטן באשעפער, קען מען אים זאגן קלאר: "הייליגער באשעפער, איך ווייס אז תפילה האט זייער א שטארקע כח, אבער היינט האב איך נישט קיין נערוון, און איך האב נישט קיין חשק, און הלוואי וואלט איך געקענט שנעלער דורכשטופן דאס דאווענען. איך בעט דיר, הייליגער באשעפער, געב מיר חשק, מיט געשמאק אין תורה ומצוות......

**ער ווייסט ממילא וואס דו טראכסט**

איז אנשטאט דאווענען סתם, זאג אים פונקטליך דיינע געפילן, און זיי מתפלל, ממילא וועט זיך עפענען דיין הארץ און דיינע געפילן, און דו וועסט פילן א טעם אין דאווענען.

### ענף ב'

### איז היינט דא מער צרות ווי אמאל?

פארוואס מיינסטו אזוי משה אז עס איז דא היינט מער צרות ווי אמאל? זייער פשוט, היינט איז דא אזויפיל סגולות, און מ'פארט אויף קברים, מ'צינדט לעכט וכו', פארוואס הערט מען עס מער ווי אמאל? איז דער מצב אסאך ערגער? איז היינט דא אסאך מער צרות?

חיים לויט וויפיל איך ווייס איז אמאל געווען די זעלבע סאך צרות ווי היינט, און אפשר נאכמער. אדרבא, פרעג דיין זיידע-באבע, און זיי וועלן דיר דערציילן וויפיל קינדער זענען פארכאפט געווארן פון די השכלה... דער חפץ חיים אליין איז כמעט פארכאפט געווארן פון השכלה!!! יעדע משפחה האט געהאט קינדער וואס זענען אוועק פון אינפעקשאנס, ווייל עס איז נישט געווען קיין אנטיביאטיק וכו'. קענען מיר דען נישט אלע מעשיות פון דער פריץ, קאנטאניסטן וכו'. נו אויב אזוי וואס איז דא געשען פארוואס זוכט מען היינט מער סגולות, און מ'פילט ווי מ'האלט עס נישט אויס, מער ווי אמאל, וואס גייט דא פאר?

### חיים וואס איז די סוד ?

נו משה, איך זע אז דו ווילסט עפעס זאגן, נו זאג שוין. בסדר, איך וועל דיר דערציילן: ווען איך האב געלערנט אין ארץ ישראל, האב איך באמערקט א בחור וואס קומט פון אמעריקע, און ער האט אויסגעזען זייער פארמאכט, נאכמער ווי דעם, ווען מ'האט גערעדט מיט אים, האט ער דיר אפילו נישט געקוקט אין פנים אריין, אזוי פארביטערט איז ער געווען. ווען איך האב זיך נאכגעפרעגט ווער דער בחור איז, בין איך געוואויר געווארן אז ער קומט פון א צעבראכענע משפחה, און ער האט א גאנצע ליסטע מיט ברידערס און שוועסטערס עלטער ווי אים, וואס ווארטן אויף זייערע באשערטע, און דער בחור זעט נישט דער עק פון די טונעל.

### עס איז אדורך אפאר יאר...

וואס איך האב דעם בחור נישט געזען. איינמאל איז געקומען איינער פון די משפיעים פון ארץ ישראל קיין אמעריקע, בין איך אהינגעגאנגען אים אויסהערן, און איך זע אז דער בחור וואס איז געווען אזוי פארמאכט, אז ער האט אפילו נישט געקוקט אין פנים אריין געפינט זיך דארט, און ער קומט צו צו מיר, און ער זאגט מיר 'שלום עליכם' מיט א ברייטע שמייכל, און ער קוקט מיר נארמאל אין פנים אריין, ער רעדט מיט מיר נארמאל, און איך קען נישט פארשטיין וואס איז דא געשען, וואס איז די סוד פון דער ענדערונג מהקצה אל הקצה.

איך בין געווען זייער נייגעריג, בין איך געגאנגען צו דער משפיע און געפרעגט: זאג מיר וואס איז די סוד, וויאזוי האט איר געקענט איבערדרייען דעם בחור?

### האט מיר דער משפיע מגלה געווען די סוד

דער בחור האט געהאט זייער אסאך אויף זיין פלייצע, און דאס האט געמאכט אז ער זאל ווערן זייער אנגעזעצט, צעבראכן און מיואש. האב איך אים געהייסן אז ער זאל יעדן טאג גיין צו שמעון הצדיק'ס ציון, און ער זאל דארט אויסרעדן און אויסגיסן זיין הארץ, כדי אראפצונעמען דער עול וואס ליגט אויף אים, און ממילא איז ער געווארן א נייער מענטש. ווייל ביז דעמאלס האט זיך אנגעזאפט יארן מיט עגמת נפש, און עס איז געווארן שווערער און שווערער, ביז עס פלאצט, ווייל א מענטש האט א געוויסע שיעור וואס ער קען אויסהאלטן, און נאכדעם פלאצט עס, אבער דעמאלס ווען ער האט אנגעהויבן זיך אויסגיסן זיין הארץ, און איבערלאזן זיינע פעקליך, האט ער אויפגעלעבט.

### דאס איז די חילוק פון אמאל ביז היינט

וואס הייסט? זייער פשוט. ביסטו שוין אמאל געווען ביי א ציון פון א צדיק און זיך אויסגערעדט, און נאכדעם געפילט לייכטער. אדער האסטו זיך אויסגערעדט מיט איינעם און נאכדעם געפילט בעסער. יעדער איינער האט פעקליך, און מיר דארפן עס אפלאדענען, פאר עס זאמלט זיך אן. בשעת מיר דאווענען געבן מיר אלעס ארויס צום באשעפער, מיר שמועסן אלעס אויס פונקטליך, מיט אלע דעטאלן, און אזוי גיבט מען עס ארויס, און מ'קען גיין ווייטער, נאכן דאווענען דארף מען פילן לייכטער.

### אבער דאס ארבעט נאר אויב מ'דאווענט נישט צום כותל

וואס הייסט? זייער פשוט. אויב מ'גייט צו צום דאווענען, אז מ'דארף פשוט אפזאגן די ווערטער, און מ'ווייסט ניטאמאל אז מ'רעדט צום באשעפער, און מ'האט מורא אויסצושמועסן אלע דעטאלן, הייסט דאס אין אונזער שפראך אז "מ'רעדט צום וואנט", דעמאלס טוישט זיך גארנישט. אבער ווען מ'רעדט זיך אויס דעמאלס גייט עס......

### אבער נאר מיט איין תנאי אז מ'זאגט אלעס ארויס!!!!!!

מ'דאווענט נישט מיט שיינע לשונות, נאר מ'זאגט אלעס ארויס, ברחל בתך הקטנה, און דעמאלס גיבט מען אלעס ארויס, ממילא פילט מען א קשר, מ'פילט נאכן דאווענען אז אן עול איז אראפ פון קאפ, און ממילא האט מען א געשמאק נאכאמאל צו דאווענען.

#### בקיצור למעשה!

כדי צו פילן א געשמאק ביים דאווענען, מוז מען זיין גרייט צו זאגן אלעס פארן באשעפער, און דעמאלס פילט מען ווי אן עול גייט אראפ יעדעס מאל וואס מ'דאווענט, און מ'פילט ווי א נייער מענטש, בדוק ומנוסה!!!!!!.

אמאל ווען מהאט פארשטאנען יעדעס ווארט אבער נישט סתם געקענט טייטש נאר זיי האבען פארשטאנען די עומק, די נקודה וואס מוויל ארויס ברענגן מיט יעדע ווארט ממילא האבן זיי נישט געדארפט עפעס מער, ווייל מיט די דאווענען אליין האבען זיי אלעס ארויסגעברענגט, אבער ביי מענטשן וואס ס'איז נישט אזוי, איז די עצה זאג אים אין אידיש אלעס קלאר ארויס, און ממילא וועסטו פילן ווי די עול גייט אראפ פון דיר, און ממילא וועסטו נישט נאר הנאה האבן פון די דאווענען נאר די וועסט ווארטן אויף דעם....